יוסאא' יב אדר תשמב
זונטיק דעם 7טן מערץ 1982

טייערער און חשובער ה. ביים!

וואס מאכט איר? זייט מיר מוחל מיין לאנגן שווייגן, כ'בין א לענגערע צייט געווען אין ניו-יארק און אין משך פון איצטיקן יאר האף איך צו פארענדיקן דעם דאקטאראט.

איך שיק אייך דא די שווארצשריפט פון אן ארטיקל איבער יידישער דיאלעקטאלאגיע געשריבן פאר א דייטשישער ענציקלאפעדיע. איך שרייב וועגן אייך אויף די זז' 4 און 25 און אין דער ביבליאגראפיע.

איך האב אפגעגנוזמען גרוסן פון אייער נסיעה קיין ארץ ישראל.

מ ז ל ט ו ב צו אייער ווערן 90 יאר! זאלט איר האבן א סך א סך גליקלעכע יאר פון פרייד, מזל הצלחה און שעפערישקייט.

ווען פ י נ ק ט ל ע ך איז אייער געבוירן-טאג און יאר??

מיט פריינדשאפט און יראת הכבוד בלייב איך אייער תלמיד

דוד קאַץ